בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קס"ד

פרשת דברים שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - רִיכְטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת -

### יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין טִיף אִינְמִיטְן יָאר; דִי טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעזִיצְן מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים. מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט, אָבֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוּנְזֶער מוּטְשֶׁע אִיז מִיט גוּטֶע זַאכְן; מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַיינְצוּפְלַאנְצְן אִין אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, מִידוֹת טוֹבוֹת און יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁרַייט: **"עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא מַצָּב בַּיי הֵיימִישֶׁע אִידְן וָואס עֶס זָאל זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער מִיט פַּרְנָסָה"**. אוֹיבּ אַזוֹי, לָאמִיר זִיךְ מַאכְן אַזַא חֶשְׁבּוֹן: יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ דָאךְ מִמֵּילָא, און קֵיינֶער הָאט סֵיי וִוי נִישְׁט קַיין גֶעלְט; הָאבְּן מִיר כָאטְשׁ דִי מַעֲלָה אַז אוּנְזֶער כֹּחַ גֵייט נִישְׁט אַוֶועק לְהֶבֶל וָרִיק, אוּנְזֶער לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער מִיטְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע אַלֶף בֵּית, דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, און אַלֶעס וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

### נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף דִי קִינְדֶער

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אִין יֶעדֶע כִּתָּה זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר תְּמִימוּת'דִיג; זֵיי זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג און הֶערְן אוֹיס מִיט דוּרְשְׁט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְחַנֵּךְ זָאגְט, און זֵיי קוּמֶען אַלֶעמָאל צוּ אָפְּנֶעמֶען אַ גְלֶעט פוּנֶעם מְחַנֵּךְ. דֶערְנָאךְ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס מֶען קֶען זֵיי אַבִּיסְל אָנְקוּקְן וִוי לֵצִים. זֵיי זֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין 'לֵצִים', וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער און מֵיינֶען גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט, נָאר זֵייעֶר נַאטוּר אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט אַזוֹי תְּמִימוּת'דִיג. זֵיי קֶענֶען אַמָאל אָפְּלַאכְן פוּן אַ שְׁמוּעֶס וָואס דֶער מְחַנֵּךְ הָאט גֶעגֶעבְּן, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אָנְרוּפְן אוֹיף עֶפֶּעס וָואס דֶער מְחַנֵּךְ זָאגְט: **"שְׁטוּתִים!"** אָדֶער פְּרֶעגְן אוֹיף אַ וָוארְט פוּנֶעם מְחַנֵּךְ: **"וואו שְׁטֵייט עֶס?"** און דָאס גְלַייכְן.

מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן פוּן דֶעם, מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַ כַּעַס קֶעגְן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער. מֶען דַארְף וַוייטֶער רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, און גְלֵייבְּן אַז צוּם סוֹף וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער פּוֹעֵל'ן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט רֶעדְן בִּשְׁעַת דֶער מְחַנֵּךְ רֶעדְט, אָבֶער מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן דִי נַאטוּר פוּן אַרוֹיסְוַוייזְן אַ שְׁטַארְקֶע אִינְטֶערֶעסֶע צוּם מְחַנֵּךְ.

אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ וֶוען אִיךְ קוּם בַּאזוּכְן אוּנְזֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"; גֶעוִויסֶע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן אַרוּם מִיךְ, זֵיי ווִילְן נָאכְאַמָאל בַּאקוּמֶען אַ גְלֶעט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה, און דֶערְנָאךְ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס דִי שְׁנֵיי אִינְדְרוֹיסְן אִיז זֵיי מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט וִוי דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס גְלֶעט. אוֹיבּ אִיךְ ווֶעל זֵיי גֵיין אוֹיפְזוּכְן אִין פֶעלְד און שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, ווֶועלְן זֵיי אַוַודַאי עֶנְטְפֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִינְטֶערֶעסִירְט אִינֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און אִין דִי מְחַנְּכִים, אִיז וָואס? זָאל מֶען אַרַיינְגֵיין אִין אַ מַעֲרָכָה קֶעגְן זֵיי?!

מְחַנְּכִים וָואס מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף דִי קִינְדֶער, אַז 'דִי קִינְדֶער זֶענֶען גוּט' און 'יֶענֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גוּט', דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ אוֹיסְוֵוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן אַוֶועקְלֵייגְן זֵייעֶר קַטְנוּת הַדַעַת און נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַזֶעלְכֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

### נִישְׁט עֶרְנְסְט בַּיי דִי מוּסָר שְׁמוּעֶסְן

אַסַאךְ מָאל וֶוערְן מְחַנְּכִים צֶעבְּרָאכְן וֶוען זֵיי גֶעבְּן אַ מוּסָר שְׁמוּעֶס פַאר דִי קִינְדֶער און זֶעען אַז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער נֶעמֶען עֶס נִישְׁט אָן אַזוֹי עֶרְנְסְט.

קוֹדֶם כָּל, עֶס מוּז נִישְׁט זַיין אַז דִי קִינְדֶער וָואס נֶעמֶען עֶס יָא עֶרְנְסְט אִיז עֶס אַ מַעֲלָה, וַוייל אַסַאךְ מָאל קֶענֶען קִינְדֶער גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן אַ מוּסָר דְרָשָׁה אוֹיבּ זֵיי נֶעמֶען עֶס צוּ עֶרְנְסְט.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן 'קוּשְׁן דִי הֵיילִיגֶע מְזוּזָה', אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער רֶעזוּלְטַאט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּשׁוּט אָנְהֵייבְּן קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפָן. עֶס קֶען זִיךְ אָבֶער מַאכְן אַז אֵיין קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ נֶערְוֶועוּן דֶערְפוּן, און עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ קוּשְׁן דִי מְזוּזָה.

אָדֶער, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער וֶועגְן זִיךְ בּוּקְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וֶוען מֶען זָאגְט 'מוֹדִים', אַז מֶען דַארְף אַיינְבֵּייגְן דִי שִׁדְרָה, און וֶוער עֶס בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט אַיין וֶועט וֶוערְן אַ שְׁלַאנְג נָאכְן שְׁטַארְבְּן (בָּבָא קַמָּא טז.), קֶען זִיךְ מַאכְן אַז אַ קִינְד זָאל עֶס נֶעמֶען אִיבֶּער דֶער מָאס און עֶר וֶועט זִיךְ אַיינְבֵּייגְן בִּיז אִיבֶּערְן טִישׁ...

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן רִיכְטִיג אוֹיפְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער; נִישְׁט צוּ עֶרְנְסְט און נִישְׁט צוּ קַאלְט. אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין פֶּערְזֶענְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אַז 'גֶעוִויסֶע קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ נִישְׁט און זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט'. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר אַזַא מְחַנֵּךְ זִיךְ סְתַּם אָפְּצוּמוּטְשֶׁען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט נַארִישֶׁע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה: **"אוֹיבּ מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי נַארִישֶׁע קַטְנוּת הַדַעַת פוּן מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף דִי קִינְדֶער 'וֶוער דַארְף מִיךְ יָא' און 'וֶוער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', אִיז אַ שָׁאד דָאס גַאנְצֶע מְלַמְּדוּת; עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אַהֵיימְגֵיין און אִיךְ וֶועל אַלֵיין**

**אַרַיינְנֶעמֶען אַלֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִין יְשִׁיבָה..."**

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶער יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב". אִין אָנְהֵייבּ, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה בִּשְׁנַת תשס"ט, הָאבְּן מִיר גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע כִּיתּוֹת מִיט מַגִּידֵי שִׁיעוּר, אָבֶער נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעדֶע נַאכְט אָפְּגֶעבְּן אוֹיסְצוּהֶערְן וִוי מַגִּידֵי שִׁיעוּר הָאבְּן חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דִי בָּחוּרִים, אַז 'דֶער בָּחוּר דַארְף מִיךְ יָא' אוּן 'דֶער בָּחוּר דַארְף מִיךְ נִישְׁט', הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"יֶעדֶער קֶען אַהֵיימְגֵיין, אוּן אִיךְ וֶועל אַלֵיין זִיצְן מִיט אַלֶע בָּחוּרִים"**.

## גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער

מִיר ווִילְן דָא אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַ וִויכְטִיגֶע נְקוּדָה פַאר מְחַנְּכִים, וָואס אִין דֶעם אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען. עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אֲפִילוּ דֶער צַדִּיק דַארְף חִיזּוּק אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכו): מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אַז יֶעדֶע מָאל וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט צוּ קוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע חִידּוּשִׁים וָואס עֶר הָאט זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶוען, גֶעפִינֶען מִיר גְלַייךְ: **"פָּתַח וְאָמַר"** - רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן נַייֶע תּוֹרוֹת אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען נַייֶע סוֹדוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, בִּיז אַ תַּלְמִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: **"רֶבִּי, זַייט אַייךְ מְחַזֵּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן"**, אוּן דָאס הָאט אִים צוּרִיק אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

אַזוֹי אוֹיךְ וֵייסְט דָאךְ יֶעדֶער מְחַנֵּךְ בַּיי זִיךְ אַלֵיין וִוי שְׁטַארְק עֶר ווִיל מֶען זָאל אִים אוֹיסְרִימֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אוֹיבּ אַזוֹי, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קִינְדֶער וַוארְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, ווַייל קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ בֶּאֱמֶת אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): **"כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר"**, וָואס ווֵייניגֶער שֵׂכֶל אַ מֶענְטְשׁ הָאט, **"צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר"**, אַלְץ מֶער כָּבוֹד דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן, **"כִּי כָּל מָה שֶׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד"**, ווַייל וִוי ווֵייניגֶער אַנְטְווִיקְלְט דֶער שֵׂכֶל אִיז, אַלְץ מֶער דַארְף מֶען כָּבוֹד.

עֶס אִיז בַּאווּסְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, דִי צַדֶּיקֶת אָדְל. זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מִיט גָאר שֵׁיינֶע טִיטְלֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט אִינֶעם בְּרִיוו, וֶוען זִי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו הָאט זִי זִיךְ זֵייעֶר צֶעוֵויינְט, מֶען הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?"** הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיין טַאטְן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ 'קַטְנוּת הַדַּעַת' דַארְף מֶען אִים זֵייעֶר אוֹיסְרִימֶען אוּן אוֹיסְלוֹיבְּן; אַז אִיךְ זֶע מַיין טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען, אִיז עֶס אַ סִימָן אַז אִיךְ בִּין בְּקַטְנוּת הַדַּעַת"**.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מְחַנְּכִים גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער.

## הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד

טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר: גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, טוּט עֶנְקֶער אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, פְלֶעג אִיךְ הָאבְּן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אַ קְלֵיין בִּיכְל מִיט דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער. יֶעדֶע נַאכְט פְלֶעג אִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס עֶס אִיז הַיינְט פָארְגֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר: פַאר וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן מוּסָר, אוֹיף וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן, צוּ וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט, מִיט וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט, פַאר וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אוּן וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען אָדֶער טְרָאגְן. אִיךְ פְלֶעג דָאס אַרַיינְצֵייכֶענֶען אִינֶעם בִּיכְל בַּיי דִי נֶעמֶען פוּן דִי קִינְדֶער; אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְזֶען קֵיין שׁוּם קִינְד, אוּן אִיךְ זָאל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

מֶען מוּז נִישְׁט נָאכְמַאכְן דַוְקָא דֶעם זֶעלְבְּן גֶעדַאנְק, אָבֶער דָאס אִיז זִיכֶער אַז אוֹיף עֶפֶּעס אַן אוֹפָן מוּז מֶען הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אַז יֶעדֶעס קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ שְׁמֵייכְל.

## אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער

מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן פַאר בִּילִיג דֶער זַאךְ פוּן אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אַלֶעס קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער: אַלֶף בֵּית, עִבְרִי, חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וְכוּ'. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: **"אִיךְ קֶען נִישְׁט קֵיין עִבְרִי, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?"** הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל בֶּעטְן אֵיינֶעם פוּן דִי כִּתָּה א' מְלַמְּדִים אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען עִבְרִי; עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אוּן הַיינְט קֶען עֶר פֵיין עִבְרִי. אָבֶער אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים מַאכְן גֶעזוּנְט דֶעם נֶפֶשׁ, דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

אַוַודַאי אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס הֵיילִיגֶער אוּן וִויכְטִיגֶער פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דֶער סוֹף פָּסוּק; אוֹיסֶער דִי לִימוּדִים מוּז מֶען לֵייגְן אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּשׁוּט אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מְחַנְּכִים דַארְפְן כְּסֵדֶר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער. מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קַארְג אִין דֶעם; מֶען דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דֶערוֹיף אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ זָאל פַאר יֶעדְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער"**.

## יֶעדֶער דַארְף גוּטֶע וֶוערְטֶער

וֶוען מֶען גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר קִינְדֶער, קֶען זִיךְ מַאכְן אַז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער זָאלְן ווַייזְן כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז; זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן, וִוי צוּ זָאגְן: 'אִיךְ דַארְף נִישְׁט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער'. דָאס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען אַז דֶער מְחַנֵּךְ זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן אִים נִישְׁט אוּן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער. מֶען דַארְף אָבֶער ווִיסְן אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ; עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן בְּרוֹגֶז אָדֶער וֵויי גֶעטוּן צוּלִיבּ אַ גוּט וָוארְט.

פַארְוָואס דֶען ווַייזְט אַ קִינְד כְּאִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גוּטֶע וֶוערְטֶער? דָאס קֶען קוּמֶען צוּלִיבּ עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת: אָדֶער אִיז דָאס קִינְד שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר ווִיל דָאס הֶערְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר דָאס אַוֶועק, הָאפְנְדִיג אַז מֶען וֶועט אִים דָאס נָאכְאַמָאל זָאגְן...

אָדֶער שֶׁעמְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס צוּ ווַייזְן וִוי שְׁטַארְק עֶר דַארְף דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער. כַּיָּדוּעַ לְיוֹדְעֵי חֵן - וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פַאר דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ - זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַרוֹיס צוּ ווַייזְן וִוי שְׁטַארְק זֵיי דַארְפְן עֶס, דֶערְפַאר מַאכְן זֵיי אַ פָּנִים כְּאִילוּ זֵיי דַארְפְן עֶס בִּכְלַל נִישְׁט. דָאס אִיז אָבֶער זִיכֶער, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל אוּן מוּז בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער.

## אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי קִינְדֶער

מְחַנְּכִים דַארְפְן אֶמֶת'דִיג לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס שְׁפִּירְן, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם מְחַנֵּךְ.

וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): **"כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים"**, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין וַואסֶער אַ פָּנִים אַנְטְקֶעגְן אַ פָּנִים, **"כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם"**, אַזוֹי אִיז דִי הַארְץ פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ

## המשך שיעורים אין חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

אַנְטְקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ אֵיינֶעמ'ס הַארְץ הָאט לִיבּ דֶעם צְוֵוייטְן, פִּילְט עֶס יֶענֶער אוּן עֶר בַּאקוּמְט צוּרִיק אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין זַיין הַארְץ צוּם עֶרְשְׁטְן.

וֶוען אִיךְ קוּם בַּאזוּכְן אִין אוּנְזֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", פְּרֶעג אִיךְ דִי קִינְדֶער: **"דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין רֶבִּי?"** אוֹיבּ דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן: **"יָא, אִיךְ הָאבּ לִיבּ מַיין רֶבִּי"**, וֵוייס אִיךְ וִוי שְׁטַארְק דֶער מְלַמֵד הָאט לִיבּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, וַוייל אִיךְ זֶע אַז זֵיי שְׁפִּירְן זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין זֵייעֶר הַארְץ.

### בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף הַצְלָחָה

אֵיידֶער אַ מְחַנֵךְ גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, דַארְף עֶר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: **"הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דָאס קִינְד שְׁטֶערְט מִיר, עֶר לָאזְט מִיר נִישְׁט קוּמֶען צוּם וָוארְט; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל יָא קֶענֶען קוּמֶען צוּם וָוארְט, אוּן אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אֲפִילוּ דָאס קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אוּן שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי צוּנְג, וַוארְט אוֹיךְ צוּ הֶערְן פוּן מִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז 'כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר' - וִוי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל אַ מֶענְטְשׁ הָאט, 'צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר' - אַלְץ מֶער כָּבוֹד דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת אוּן זִיךְ אַיינְרֶעדְן כְּאִילוּ דָאס קִינְד דַארְף מִיךְ נִישְׁט".**

אַסַאךְ מָאל מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ מִיט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס לָאזְט נִישְׁט קוּמֶען צוּם וָוארְט, אוּן סוֹף טָאג וֶוען מֶען גֵייט אַהֵיים כַאפְּט מֶען זִיךְ אַז מֶען הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין אִינְדֶערְפְרִי; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט מֶען דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן זַיין אַ אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דִי שִׁיעוּרִים מַאכְן מִיר לִיכְטִיג מַיין לֶעבְן, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם מַמְשִׁיךְ זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אָבֶער צוּמָאל אַרַיין אִין מִיר אַ קִנְאָה צוּ דִי פְרֵייעֶ וָואס זֶענֶען וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶר רֶעדְט מִיר אַיין אִיךְ זָאל מֵיינֶען אַז וִויבַּאלְד זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחוּיָב צוּ טוּן, אִיז זֵיי אַלֶעס גוּט, אוּן אִיךְ - נָאר וַוייל אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ - מוּז אִיךְ הַאלְטְן אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה. אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ". וָואס טוּט מֶען מִיט דִי סָארְט גֶעפִילְן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן מַיין מְלַמְדוּת; פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּרוּבִּירְן עֶס מְקַיֵים צוּ זַיין - אִיז דֶער מַצָב גֶעוָוארְן פִיל בֶּעסֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף אִיךְ אָבֶער נָאךְ אַסַאךְ חִזוּק לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים, הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, סְפֶּעצִיעֶל אַז בַּאלְד הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן דֶעם נַייעֶם זְמַן, אוּן אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן מִיטְן רֶעכְטְן פוּס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר; וִוי קֶענְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער וֶוען דוּ אַלֵיינְס דַארְפְסְט צוּרִיקְגֵיין אִין חֵדֶר לֶערְנֶען וָואס אִיז אַ אִיד, וָואס אִיז תּוֹרָה, וָואס אִיז מִצְוֹת; וִוי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵד וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד, דָאס זִיסְקֵייט פוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט, וָואס אִיז שַׁיָיךְ מְקַנֵא צוּ זַיין? אַז זֵייעֶרֶע רְמַ"ח אֵבָרִים אוּן שְׁסָ"ה גִידִים זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן? וָואס אִיז דָא זֵיי צוּ מְקַנֵא זַיין אַז זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? זֵיי טוּעֶן וָואס זֵיי וִוילְן?!

אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעבְן, וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן דִי פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶען עֶנְטְפֶערְט פַאר קִינְדֶער; אַ גוּטֶער מְלַמֵד לָאזְט זִיךְ דָאךְ אַרָאפּ צוּ דִי קִינְדֶער, עֶר עֶנְטְפֶערְט זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת שֵׁיין, קְלָאר אוּן גֶעלַאסְן.

וַיְהִי הַיוֹם, אַ מְלַמֵד קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן זָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אִיךְ צֵייל בִּיז דְרַיי, אִיךְ וִויל זֶען וִוי אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען דָא אַהֶער, אֵיינְס, צְוֵויי, דְרַיי!" אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, אַלֶע וִוילְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי גוֹרָל, אַלֶע וִוילְן בַּאקוּמֶען דִי פְּרָסִים, בַּיי דְרַיי שְׁטֵייעֶן זֵיי שׁוֹין גְרֵייט, אָבֶער אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט, נֶעבֶּעךְ, עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פִיס, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, מֶען הָאט אִים לֹא עָלֵינוּ אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי פִיס; עֶר זִיצְט אִין דִי זַייט אִין אַ וֶועגֶעלֶע, עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע קִינְדֶער. מִיט אִים פִירְט זִיךְ דֶער מְלַמֵד גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר קוּמְט נִישְׁט, וֶוען אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן רוֹימֶען דִי כִּתָּה בְּלַייבְּט עֶר אוֹיף זַיין פְּלַאץ, עֶר דַארְף נִישְׁט רוֹימֶען, עֶר וֶוערְט בַּאלוֹינְט אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רֵיינִיגְן; עֶר קֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר אִיז אַ קַאלִיקֶער לֹא עָלֵינוּ.

דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט דִי קִינְדֶער: "קִינְדֶער, אִיר זֶענְט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?" אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד. דֶער מְלַמֵד פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן, פַארְוָואס זֶענְט אִיר נִישְׁט מְקַנֵא דֶעם קִינְד?! עֶר דַארְף נִישְׁט פָאלְגְן אוּן עֶר גֵייט אַלְץ אַרַיין אִינֶעם גוֹרָל אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט אִין צַייט, אֲפִילוּ עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט רוֹימֶען, פַארְוָואס זֶענְט אִיר אִים נִישְׁט מְקַנֵא?! קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט אַז דִי שְׁטָאט צָאלְט גֶעלְט פַאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זֵיי בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוּמְזִיסְט, אִיר זֶענְט זֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקַנֵא? דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֶעלְן זֵייעֶר קַאר אִין פְּלֶעצֶער וואוּ אַנְדֶערֶע קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ בֶּענֶעפִיטְן, אִיר זֶענְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט מְקַנֵא?!"

דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי קַשְׁיָא, וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ מֶענְטְשׁ אָן פִיס? וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט? וֶוער אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גֶעלְט אָדֶער אִין קֶענֶען שְׁטֶעלְן אַ קַאר דָא אוּן דָארְט? וֶוער דַארְף דָאס?! דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכּ‍ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט!" זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אַלֶע קְרַאנְקֶע! אַלֶע זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט בְּרְמַ"ח אֵבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים!"** דִי קִינְדֶער קוּקְן אוֹיפְן קִינְד מִיט רַחֲמָנוּת, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אַיין פוּן וֵויינֶען פַאר אִים, אֵיין קִינְד

קֶען נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן זַיינֶע טְרֶערְן, עֶר גֵייט אִין דִי זַייט אוּן פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין פַאר זַיין חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין פִּיס; אַ צְוֵוייטֶער קִינְד שְׁטִיקְט זִיךְ מִיט טְרֶערְן.

וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען וַוייט פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): "כִּי עִקָּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶער עִקָּר רַחְמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וֶועלְט; דִי אַלֶע אִידְן וָואס מֶען הָאט פוּן זֵיי אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה, שׁוֹין אַפָּאר דוֹרוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען וַוייט פוּן דִי תּוֹרָה; דָאס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת.

מְלַמְּדִים דַארְפְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ; וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוער עֶס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה - דֶער הָאט אַ לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז לֶעבְּן; טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קֵיין קְנַס, טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ; דָאס אִיז גוּט, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן מִצְווֹת; מִיר קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן אַלֶעס, מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן אַלֶעס, וַוייל מִיר זֶענֶען אַזוֹי ווִי דֶער קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ וָואס דֶער דָאקְטֶער זֶעט נָאךְ אִין אִים אַ הָאפֶענוּנְג. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ו) אַ דָאקְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען הֵיילְן צְוֵויי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן חוֹלֶה אַז עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "תְּנוּ לוֹ כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ", גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט, "רָאָה הָאֶחָד שֶׁעָתִיד לִחְיוֹת", דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזֶען דֶער צְוֵוייטֶער קְרַאנְקֶער אַז עֶר קֶען נָאךְ לֶעבְּן, הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט: "כָּךְ וְכָךְ מַאֲכָל יֹאכַל וְכָךְ וְכָךְ לֹא יֹאכַל", גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, גֶעבְּט אִים נִישְׁט דִי אוּן דִי עֶסְן, נָאר פוּן דִי עֶסְן מֶעג עֶר הָאבְּן, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם דָאקְטֶער: "מַה זֶה, לָזֶה אַתָּה אוֹמֵר יֹאכַל כָּל מַאֲכָל שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ, וְלָאַחֵר אָמַרְתָּ לֹא יֹאכַל כָּךְ וְכָךְ", וָואס אִיז דָאס? אֵיינֶעם זָאגְסְטוּ עֶר קֶען עֶסְן אַלֶע עֶסְן אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מֶעג נָאר עֶסְן דָאס אוּן דָאס?! הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים, ווִידֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער גֵייט סַיי ווִי שְׁטַארְבְּן, זָאל עֶר עֶסְן וָואס עֶר ווִיל, עֶר קֶען דָאךְ סַיי ווִי נִישְׁט לֶעבְּן, "כָּךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הִתִּיר לַגּוֹיִם הַשְּׁקָצִים וְהָרְמָשִׂים", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, פַאר דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבּ אִיךְ מַתִּיר גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן עֶסְן דִי אַלֶע וֶוערֶעם אוּן קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, "אֲבָל יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם לְחַיִּים", אָבֶּער דִי אִידְן וָואס זֵיי בְּלַייבְּן לֶעבְּן, זֵיי זָאג אִיךְ (וַיִּקְרָא יא, מד): "וְהִיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי, אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשׁוֹתֵיכֶם, אֶת זֶה תֹּאכְלוּ, וְאֶת זֶה לֹא תֹאכֵלוּ, לֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם בָּם", זֵיי זָאלְן נִישְׁט עֶסְן דִי אַלֶע נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ זַאכְן, "לָמָּה", פַארְוָואס? "שֶׁהֵם לְחַיִּים, שֶׁנֶּאֱמַר (דְּבָרִים ד, ד): "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם".

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן זַיין אַ אִיד. לֶערְן זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט זֵייעֶר גוּט אוּן זִיס, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן גַּן עֵדֶן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקָּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דֶער תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל ווִי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן דַיין וֶועג, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גָאר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אִים, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קֵיין שְׂכַר, דוּ וֶועסְט וֶועלְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ד, ב): "שְׂכַר מִצְוָה, מִצְוָה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה), וֶוען מֶען טוּט מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה אַלֵיינְס: "עַד שֶׁאֵין רוֹצֶה בְּשׁוּם שְׂכַר עוֹלָם הַבָּא", בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שׁוּם שְׂכַר, "אֶלָּא הוּא רוֹצֶה שֶׁיַּזְמִין לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִצְוָה אַחֶרֶת בִּשְׂכַר מִצְוָה זֹאת", נָאר דִי גְרֶעסְטֶע שְׂכַר אִיז אַז מֶען זָאל קֶענֶען טוּן נָאךְ מִצְווֹת, מֶען וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן נָאךְ מִצְווֹת, "כִּי הוּא נֶהֱנֶה מֵהַמִּצְוָה בְּעַצְמָהּ", מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן דִי מִצְוָה אַלֵיינְס; דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דֶעם, מֶען זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין אַ אִיד, מֶען זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ מִיט תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אַז עֶס זָאל אָנְגֵיין פַארְוָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן דָאס נִישְׁט, בִּיז מֶען וֶועט גֵיין הֲפָצָה, זֵיי אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן פוּן דֶעם טַעַם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק י"ב, מכתב א' שנו)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876